32 דעמלט זיצן אויף זיין כסא־הכבוד; און פאַר אים
וועלן איינגעזאַמלט ווערן אַלע פעלקער, און ער
וועט זיי אָפּשיידן איינס פונם אַנדערן, אַזוי ווי אַ
33 פּאַסטוך שיידט אָפּ די שאָף פון די ציגן. און וועט
שטעלן די שאָף אויף זיין רעכטער זייט, די ציגן
34 אָבער אויף דער לינקער זייט. דאַן וועט דער קעניג
זאָגן צו די אויף זיין רעכטער זייט: קומט אַהער,
איר געבענטשטע פון מיין פאָטער, ירשנט דאָס
מלכות, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אייערטוועגן
35 זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן! וואָרום איך
בין געווען הונגעריק, און איר האָט מיר געגעבן צו
עסן; איך בין געווען דורשטיק, און איר האָט מיר
געגעבן צו טרינקען; איך בין געווען אַן אורח, און
36 איר האָט מיך אַריינגענומען; אַ נאַקעטער, און איר
האָט מיך באַקליידט; איך בין געווען קראַנק, און איר
האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר; איך בין געזעסן
37 אין תפיסה, און איר זענט געקומען צו מיר. דעמלט
וועלן די צדיקים אים ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: האַר,
ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, און האָבן דיך
געשפייזט, אָדער דורשטיק און האָבן דיר געגעבן
38 צו טרינקען? ווען האָבן מיר דיך געזען אַן אורח
און דיך אַריינגענומען, אָדער נאַקעט און האָבן דיך
39 באַקליידט? ווען האָבן מיר דיך געזען אַ קראַנקן
40 אָדער אין תפיסה און זענען געקומען צו דיר? און
דער קעניג וועט ענטפערנדיק זאָגן צו זיי: באמת
זאָג איך אייך, אויף וויפל איר האָט עס געטון צו
איינעם פון די דאָזיקע מיינע ברידער, די קלענסטע,
41 האָט איר עס געטון צו מיר! דעמלט וועט ער אויך
זאָגן צו די אויף דער לינקער זייט: גייט אַוועק
פון מיר, איר פאַרשאָלטענע, אין דעם אייביקן פייער
אַריין, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן טייוול